# ליל שבת קודש פרשת חיי שרה ה'תשס"ז

פרייטאג צו נאכט'ס ביי די ערשטע סעודה, האט מוהרא"ש שליט"א געשמועסט געוואלדיגע מורא'דיגע דיבורים, אויפן רבינ'ס ווערטער אין ספה"ק ליקוטי מוהר"ן ח"א סימן רסא, וואס רעדט פון די מידה פון התחדשות, עיין שם.

און האט מוהרא"ש שליט"א אנגעהויבן: זאגט דער הייליגער רבי ז"ל, ווען א מענטש פאלט אראפ פון זיין מדריגה, זאל ער וויסן אז דאס איז פון הימל, ווייל די התרחקות (דערווייטיקייט) אי אן אנפאנג פון התקרבות (דערנאנטקייט), דערפאר איז ער אראפ געפאלן ער זאל זיך מער נתעורר ווערן זיך דערנענטערן צו אייבישטער, און זיין עצה איז, ער זאל אנהייבן פון דעסניי אריינצוגיין אין עבודת ה', כאילו ער האט קיינמאל גארנישט אנגעהויבן, "און דאס איז א גרויסע כלל אין עבודת ה', אז מען ברויכט ממש אין יעדער טאג אנצוהייבן פון פריש"; ביז אער איז דעם רבינ'ס לשון.

און מוהרא"ש שליט"א האט מסביר געווען, אז דער הייליגער רבינ'ס לימוד, זיך אויסצולערנען די מידת "ההתחדשות", איז א גרויסער כלל אינעם מענטשנ'ס לעבן, אז מען דארף אנהייבן יעדער טאג פון דעסניי, כאילו ער האט קיינמאל אנגעהויבן, און ער זאל גארנישט טראכטן פון דער נעכטיגער טאג. ווארום אלע נפילות מיט ירידות פון א מענטש ווערן געצויגן דורך דעם אז ער טראכט שטענדיג פון נעכטן, וואס ער האט נעכטן נישט מצליח געווען לערנען און דאווענען אזוי ווי עס דארף צו זיין, און דערפאר ווערט ער געפאלן ביי זיך, און ער טראכט אז עסו וועט זיין היינט אויך אזוי, און ער איז זיך צייאש פון אנצוקומען צו זעהן עפעס גוט אין דער לעבן, אבער ווען ער געוואוינט זיך אין מדת ההתחדשות, גארנישט צו טראכטן פון נעכטן, נאר צו באטראכטן דער היינטיגער טאג, וועט ער זייער מצליח זיין אין דער לעבן, ווייל אלעמאל וועט ער פרובן אנצופילן יעדער טאג מיט אסאך אמת'ער אייביגער גוט'ס, און האפן אסאך גוטע נקודות פון תורה און תפילה, מצוות מיט מעשים טובים. און דעמאלט וועט ער זיך אנקויפן אסאך רוחניות'דיגע פארמעגן פאר זיין אייביגער שטוב אין עולם הבא. ווייל אויף יעדע מצוה, און אויף יעדע נקודה טובה, צאהלט מען אויבן א אום-עקיגע שכר,

עין לא ראתה אלקים זולתך וגו׳. און מען קריגט גאנצע עולמות שלימות פאר די זכות פון די תורה מיט די מצוות וואס מען איז זוכה צו טאהן, אזוי ווי חז״ל זאגן (סוף עוקצין), עתיד הקדוש ברוך הוא להנחיל לכל צדיק וצדיק שלש מאות ועשר עולמות. [אז דער אייבישטער וועט געבן פאר יעדער צדיק דריי הונדערט און צעהן וועלטן] און אזוי איז ערקלערט אין תיקוני זוהר (הקדמה דף יד ע״ב) דער וואס לערנט איין מסכתא גיבט מען איהם איין גאנצע וועלט וכו׳, עיין שם. קומט אויס, אז ווען א יוד איז זוכה צו מדת ההתחדשות, און ער חאפט יעדער טאג אפאר גוטע נקודות פון זיין יודישקייט, מען קען גארנישט שאצן די הייליגע פארמעגן וואס ער וועט זיך פארמאגן. דערפאר, וואויל איז דער וואס ער לאזט זיך נישט נארן, נאר ער גיבט אכטונג אויף יעדער טאג פון זיין לעבן, איהם אנצופילן מיט אסאך נקודות טובות פון די הייליגקייט פון יודישקייט, דעמאלט וועט ער זוכה זיין הנאה צו האבן פון די פרוכטן פון זיינע גוטע מעשים, און מתענג זיין אויף די לויטערטע ליכטיגקייט פון די שכינה הקדושה, אשרי לו ואשרי חלקו.

און מוהרא״ש שליט״א האט מקשר געווען דאס דאזיגער ענין צו די וואכעדיגע סדרא מיט א וואונדערליכער קשר. עס שטייט אין פסוק (בראשית כ״ג) ויהיו חיי שרה מאה שנה ועשרים שנה ושבע שנים שני חיי שרה. און רש״י ז״ל איז מדקדק אין נאמען פון חכמינו הקדושים, פארוואס שטייט ׳שנה׳ אויף יעדן כלל, דיך צו לאזן הערן, אז יעדער פון זיי איז נדרש פאר זיך - בת ק׳ כבת כ׳ וכו׳, שני חיי שרה, די יארן פון שרה - כולן שוין לטובה – אלע זענען גלייך צום גוטן, עיין שם.

און עס ווערט ערקלערט אין רבי נתן׳ם רייד (ליקוטי הלכות תפילין הלכה ה׳ סי׳ ל״ח) אז אין דער פסוק איז מרומז דעם לימוד פון התחדשות, אז דאס דער עיקר שלימות, ער זאל אלעמאל אנהייבן לעבן א נייע לעבן, און אפילו ווען עסק ומען די אלטקייט-טעג, ער זאל זיין ביי זיך אזוי ווי א געבוירענעם קינד, אזוי ווי ער האט קיימאל אנגעהויבן צו לעבן אין דינען דער אייבישטער, נאר וועט אנהייבן לעבן דעם אייבישטער׳ם עבודה אלעמאל פון דעסניי.

breslevcity.co.il

און דאס איז דעם פשט - בת ק׳ כבת כ׳, בת כ׳ כבת ז׳, שני חיי שרה, כולן שווין לטובה. ווייל ער פארלירט נישט קיין שום טאג-לעבן אז זאל פאריבערגיין אן פארמערן קדושה מיט אן אמת׳ן חיות. און שרה אימנו האט אונז ירושה געלאזט די מידה פון התחדשות, מיר זאלן זוכה זיין אלעמאל לעבן נייע לעבן, און אנצופילן אונזערע טעג אין יארן מיט גוטנ׳ס.

און דורך דעם קען מען פארשטיין א זיסער טעם אינעם מדרש׳ס רייד אויפן פרשה (בראשית רבה פרשה נ״ח סי׳ ג׳) רבי עקיבא היה יושב ודורש והצבור מתנמנם, ביקש לעוררן, אמר, מה ראתה אסתר שתמלוך על שבע ועשרים ומאה מדינה, אלא תבוא אסתר שהיתה בת בתה של שרה שחיתה ק׳ וכ׳ וז׳, ותמלוך על ק׳ וכ׳ וז׳ מדינות. [רבי עקיבא איז געזעסן און גע׳דרש׳ט און דער ציבור איז אנגעדרימלט געווארן, האט ער זיי געוואלט דערוועקן, האט ער געזאגט, וואס האט אסתר געזעהן אז זי האט געקעניגט אויף הונדערט זיבן און צוואנציג לענדער, נאר עס זאל קומען אסתר וואס זי איז די קינד׳ס דינד פון שרה וואס האט געלעבט קכ״ז, און זאל קעניגן אויף קכ״ז מדינות] עיין שם.

און דאס איז דאך א וואונדער, וואס איז דער צוגלייך צווישן זיי? און פארוואס דווקא מיט דעם האט ר׳ עקיבא געוואלט זיי דערוועקן פון שלאף? אבער דורך דעם אויבנדערמאנטע רבינ׳ס רייד, קען מען פארשטיין דאס ענין בטוב טעם ודעת. אז ווען רבי עקיבא האט באמערקט ווי דער ׳עולם׳ דרימלט בשעת׳ן דרשה, האט ער פארשטאנען אז עס פעלט ביי זיי די מידת התחדשות, און זייער עבודה איז אלט געווארן ביי זייערע אויגן, און אזוי ווי עס ווערט געברענגט אינעם הייליגער רבינ׳ס ווערטער (ליקוטי מוהר״ן חלק א׳ סי׳ ס׳) אז עס פארהאנען מענטשן וואס פארשלאפן זייערע טעג, אין אפילו אז עס דאכט זיך פאר לייט אז זיי דינען דעם אייבישטער, און זיי זענען עוסק אין תורה מיט תפלה, אבער אפילו אזוי, מיט זייערע גאנצע עבודה האט דער אייבישטער קיין שום נחת פון זיי, ווייל עס בלייבט זייערע גאנצע עבודה אונטן און זי קען זיך נישט דערהייבן הויעך, עיין שם.

breslevcity.co.il

און דערפאר האט רבי עקיבא זיי געוואלט אויף וועקן פון זייערע שלאף און אריינברענגען און זיי די מדת התחדשות, דערפאר האט ער זיך אנגערופן צו זיי: וואס האט אסתר געזעהן צו קעניגן אויף קכ"ז מדינות, ווייל זי איז געווען די קינד'ס קינד פון שרה וואס האט געלעבט קכ"ז יאר. ווייל דאס ענין פון די קעניגרייכט פון אסתר'ן אויף קכ"ז מדינות, איז געווען אזוי ווי א שכר אויף אירע ריזיגע מסירות נפש פאר בשביל קדושת שמו יתברך, און פאר'ן תורה הקדושה, דערפאר האט זי געקריגן אירע שכר אין רוחניות און אין גשמיות, אז זי האט געקעניגט אויף קכ"ז מדינות, וואס זיי זענען די הייליגע עולמות וואס זענען באשאפן מיט די כח פון אירע עבודה מיט מסירות נפש, און זי האט זיך דאס אויסגעלערנט פון אירע באבע שרה וואס האט געלעבט קכ"ז יאר, וואס זענען געווען אלעגע עליכן צום גוט'נם מיט א געוואלדיגע התחדשות יעדער טאג. דערפאר דייקא מיט דער הייליגער לימוד האט געבעטן רבי עקיבא אויפוועקן דעם עולם פון זייערע אנדרימלקייט. ווייל ער האט זיי אנטפלעקט וי אזוי דורך דער כח פון זייערע תורה מיט מצוות קענען זיי זיך פארמאגן גאנצענע מדינות מיט עולמו תמיט רוחניות אלקותו יתברך, און עס איז זיי א שאד פטר'ן זייערע יארן מיט א אומזיסטע אומבאדארפע שלאף. און ווען זיי האבן דאס געהערט זענען זיי א וודאי נתעורר דעווארן תיכף פון זייערע שלאפן. ווייל זיי האבן פארשטאנען די מורא'דיגע טייערקייט און וויכטיגקייט פון יעדער סעקונדע אין דינען דער אייבישטער, און אין לימוד תורה הקדושה, און זיי האבן געמאכט א נייע התחלה אין זייערע עבודה אזוי ווי עס דארף צו זיין, זאל דער אייבישטער אונז מזכה זיין זיך מחדש זיין אין דינען דער אייבישטער מיט אן אמת, און אנצופילן די טעג מיט די יארן מיט תורה און תפילה, מצוות און מעשים טובים, ביז מיר וועלן דערהויבן ווערן, און אינגאנצן נכלל ווערן בו יתברך - מעתה ועד עולם, אמן ואמן.

breslevcity.co.il